אין דעם האר ישוע, און דו וועסט געראַטעוועט
32 ווערן און (אויך) דיין הויזגעזינט. און האָבן גערעדט
צו אים גאָטס וואָרט און צו אַלעמען אין זיין הויז.
33 און ער האָט זיי גענומען אין יענער שעה פֿון דער
נאַכט און זיי אָפּגעוואַשן די שלעק; און זיך
גלייך געלאָזט טובֿל זיין, ער אַליין און אַלע זיינע
34 בני־בית. און האָט זיי אַריינגעפֿירט אין זיין הויז,
און געדעקט אַ טיש (פֿאַר זיי), און זיך זייער
געפֿריידט מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט, אַז ער איז
געוואָרן אַ מאמין אין ג־ט.

35 און ווען עס איז געוואָרן טאָג, האָבן די פּרעטאָרן*
געשיקט די ליקטאָרן†, אַזוי צו זאָגן: לאָז אַרויס
36 יענע מענטשן. און דער תּפֿיסה־שומר האָט דערציילט
די דאָזיקע ווערטער צו פּוילוסן: די פּרעטאָרן האָבן
געשיקט, אַז מען זאָל אייך אָפּלאָזן; קומט זשע איצט
37 אַרויס, און גייט אייך לשלום. פּוילוס אָבער האָט
צו זיי געזאָגט: זיי האָבן אונדז געשלאָגן עפֿנטלעך
מיט ריטער, אָן אַ משפּט, אונדז, וואָס מיר זענען רוי־
מישע מענטשן, און אונדז אַריינגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה
אַריין, און איצט וואַרפֿן זיי אונדז אַרויס שטילער־
הייט? אַזוי נישט, נאָר טאַקע זיי אַליין זאָלן קומען און
38 אונדז אַרויספֿירן. און די ליקטאָרן האָבן דערציילט
די דאָזיקע רייד צו די פּרעטאָרן, און זיי האָבן
39 מורא געהאַט, הערנדיק, אַז זיי זענען רוימער. און
זענען געקומען, און זיי מפּייס געווען, און האָבן זיי
אַרויסגעפֿירט און געבעטן, אַז זיי זאָלן אַוועקגיין
40 פֿון דער שטאָט. און ווי זיי זענען אַרויס פֿון דעם
געפֿענקעניש, זענען זיי אַריינגעגאַנגען צו לידיאַן;
און זעענדיק זיך מיט די ברידער, האָבן זיי זיי גע־
טרייסט, און זענען אַרויסגעגאַנגען.

* פּרעטאָר, שופט    † ליקטאָר, פּאָליציסט